THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967-4517
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

# דער „זשורנאל" און די שטאדטישע אינסטיטוציעס

אונזער היינטיגע אויסגאבע איז כמעט אויסשליסליך געווידמעט דער נייער היגער תלמוד תורה, וועלכע ווערט היינט אפיציעל ערעפענט, און וועמענ'ס חנוכת הבית עס ווערט היינט געפראוועט.

דער גאנצער ענין איז א וויכטיגע פאסירונג אינ'ם היגען אידישען לעבען, און דער „זשורנאל" וועלכער שפיגעלט שטענדיג אפ דאס קאנאדער אידיש לעבען בכלל, און דאס טאראנטער בפרט, גיט דאריבער אפ אזוי פיעל פלאץ דער דאזיגער וויכטיגער פאסירונג.

ווער עס ווייסט דעם צושטאנד פון אונזערע ערציהונגס־אינסטיטוציעס, ווי אזוי זיי זענען געווען אין גאנצען מיט א צעהנדליג יאהר פריער, די הייזער אין וועלכע זיי האבען זיך געפונען, פלעצער וואו עס האט געפעהלט די נייטיגסטע באקוועמליכקייט, און פארגלייכט עס מיט דער יעצטיגער מאדערנער געביידע וואס איז נאך אזוי פיעל יאהר און מיה אויפגעבויט געווארען, דער קאן באגרייפען דעם וויכטיגען אויפטו.

און דער היינטיגער יום טוב איז אויך אונזער יום טוב.

ווער נאך מעהר ווי „דער אידישער זשורנאל" האט אזוי פיעל בייגעשטייערט צו דער ענטוויקלונג פון אונזערע אינסטיטוציעס אין שטאדט. די געשיכטע פון „זשורנאל" איז אייגענטליך די געשיכטע פון די היגע אינסטיטוציעס, און זייער וואוקס איז אויך אונזער וואוקס. ניטא קיין איין אינסטיטוציע אין שטאדט, צו וועמענס ענטוויקלונג און וואוקס דער „זשורנאל" זאל ניט האבען בייגעשטייערט.

און מיר זענען שטאלץ אויף דעם — דאס איז די בארעכטיגונג פון אונזער עקזיסטענץ, דאס איז אונזער ביטראג.

א שענערער און בעסער פארציווייגט אידיש לעבען — צו דעם וועט שטענדיג ביישטייערן „דער אידישער זשורנאל" זיין טייל.

# וויכטיגע פאסירונגען פון דער וואך

דער פאליטישער קריזיס אין פראנקרייך, וועלכער ציהט זיך שוין שפעטע עטליכע וואכען, איז נאך אלץ ניט פאריבער, און פארקעהרט, דער פינאנציעלער פלאנטער ווערט נאך גאר גרעסער, טראצדעם וואס נייע מענשען ווערען אלץ מעהר צוגעצויגען אין די פארשידענע פינאנציעלע קאמיסיעס.

ווי אזוי וועט פראנקרייך קענען נאכקומען דעם בודזשעט אין 1926 — דאס איז יעצט די הארבסטע פראגע פאר'ן לאנד, און דער קאבינעט האלט אין איין באטראכטען וועגען דעם פארשידענע פלענער, ניט קענענדיג קומען צו קיין באשלוס.

דאס פראנצויזישע אויסלענדישע מיניסטעריום האט אויך באקאנט [...]

# דער קינדער גארטען פאר גלות קינדער

(געווידמעט די גרינדער פון דער תלמוד־תורה).
פון דר. בן ציון שפייער.

דער אידישער קינדערגארטען, וואכ־טיגער — דער העברעאישער, דער גן־ילדים, איז א פרעהליכע און געזונטע ערשיינונג, און דארף בעגריסט ווערען אין יעדער אידישער שטאדט. ער דארף אבער אויך ערקלעהרט ווערען צום עולם, צו די יעניגע עלטערן, וועלכע האבען גאנץ יונגע קינדער, וועלכע קענען אריינקומען אין אזא קינדערגארטען, אום זיי, די עלטערן, זאלען פארשטעהן וואס פאר א גרויסע זאך זיי טוען אויף מיט שיקען זייערע קינדער אין א אידישען קינדער גארטען, [...]

[...] 1918, בעשלאסען אנצופאנגען צו ארבייטען פאר א נייער געביידע פאר א מאדערנער תלמוד תורה און מעגליך א פערא־קיעל שוהל, נאך פאר יענער צייט האט זיך הרב גארדאן, ווי אויך דער שרייבער פון די צייל[ע]ן, ארום געטראגען מיט א זי־סען חלום צו האבען אין יעדער אידישער גלות שטאדט א גן ילדים, וואו דאס קינד זאל ניט נאר האבען א חדר, נאר דאס זאל פאר איהם זיין אויך — א גארטען, ער זאל זיין נעהענטער צו דער נאטור, ווי ער איז עס אין זיין הויז אדער אין [...]

[...]

# א דרשה צו דער ערעפנונג

וועלכע איז געהאלטען געווארען נאך האלבע נאכט פון דעם שטן פאר זיין גאנצער חבריא אונטער געהערט און איבערגע־שיקט צום דרוק דורך
ת. א. שובין

פריינד און חברים!

נאך א פאאר מאנאטען וואקיישאן וואס מיר האבען געהאט, האב איך אייך יעצט אלעמען צוזאמענגערופען אהער, צו באקלעהרען זעהר א וויכטיגע אויפגאבע וועלכע עס שטעהט פאר אונז יעצט פאר.

איהר ווייסט דאך אלע מיינע העררען, די שווערע ארבייט וועלבע מיר האבען געהאט די לעצטע צייטען אין טאראנטא, דער הויפט מיט דער בשר כשר פראגע און מיט דער קהלה.

[...]